ב"ה

אונזער היילגע

# מוסדות בלעטל

נייעס און באריכטן פון ת"ת עבודת משולם פייש ד'טאהש

## פרשת תצוה-זכור תשפ"ו / גליון כ"א

תלמוד תורה
עבודת משולם פייש
טאהש
מאנסי יצ"ו

# א בליק אריין אינעם תלמוד תורה

## צדקה גדולה

מיט'ן אייבערשטן'ס הילף גרייטן זיך די קינדער צו ארום גיין נאך געלט בימי הפורים הבעל"ט און מקיים זיין די כל הפושט יד נותנים לו למען החזקת מוסדותינו הקדושים.

אבער מיר ווילן קלאר שטעלן אז די ונשמרתם מאוד לנפשותכם איז ביי אונז וויכטיגער ווי אלעם און די חשובע עלטערן זאלן זיכער מאכן אז ווען די קינדער גייען ארום נאך געלט זאל עס זיין די מערסטע פארזיכערט וואס עס איז שייך פארשטייט זיך אליינס אז דאס ברויכט צו זיין מיט א מורא'דיגע עינה פקיחה.

בכבוד רב

## מעשי אבות סימן לבנים

דעם היינטיג'ן פרייטאג פרשת תצוה געפאלט אויס די יארצייט פון בנש"ק הרב יצחק בן הרב חיים יוסף ז"ל ארענשטיין נעפיו פונעם הייליג'ן רבי'ן זי"ע ומחשובי אנשי שלומינו וואס פלעגט קומען צו פארן קיין טאהש און אסאך ארויס געהאלפן רביה"ק זי"ע ובפרט און די בראשית יארן ווען רביה"ק זי"ע איז אנגעקומען קיין מאנטרעאל נאכן ארויס קומען ברוב רחמיו וחסדיו פונעם אייבערשטן נאכן אדורך גיין די יסורים ביים צווייטן וועלט מלחמה. ווען מיר יעצט פארציילן א מעשה וואס עס פארציילט בנו ידידינו עוז העומד תמיד לימינינו בנש"ק הרב מנחם זאב צבי ארענשטיין שליט"א וואס איז פארגעקומען ממש און די בראשית יארן ווען די הייליגע רבי איז אנגעקומען קיין מאנטרעאל.

ער פארציילט ווי פאלגענד: גלייך נאכן קריג איז מיין זיידע דעם הייליג'ן רבי'ן'ס ברודער הרב חיים יוסף ז"ל געהאט א פאסטן און א גרויסע שוהל און מאנטרעאל ווי ער איז געוועהן די כמו רב דארט און ביהמ"ד און ווי באקאנט האט מען נאר געקענט ארויפברענגען מענטשן נאר אויב מען איז געוועהן א ראביי אויף דעם ארויף האט מיין זיידע געקענט ארויס העלפן זיין הייליגע ברודער די הייליגע רבי און אים ארויפברענגען קיין מאנטרעאל. און ווען די הייליגע רבי איז אנגעקומען קיין מאנטרעאל האט ער שוין געהאט דריי קינדער און מיין זיידע האט דעמאלטס פארמאגט א דירה מיט צוויי צומער'ן ער מיט זיין משפחה האבן געוואוינט און איין צומער און די אנדערע צומער האט ער אוועק געגעבן פאר'ן הייליגן רבי'ן צו דארט וואוינען און יענע תקופה האט מען טאטע הרב יצחק ז"ל באגלייט דעם הייליגן רבי'ן און אים ארויסגעהאלפן מיט אלעס וואס ער דארף.

ווי מיר אלע ווייסן אז די עבודת הקודש פונעם הייליג'ן רבי'ן זיך צוצוגרייטן צום דאווענען איז געוועהן גאר א גרויסע זאך וואס דאס האט געקענט אויפנעמען כמעט רוב פון זיין טאג האט די הייליגע רבי און יענע צייט געגאנגען און ביהמ"ד און געהערט די קדישים און קדושה און דערנאך זיך ווייטער געגרייט צום דאווענען איין טאג איז פארגעקומען א ברית אונעם ביהמ"ד ווי מיין זיידע איז געוועהן די שיינע איד און די הייליגע רבי איז אויך דארט געוועהן ביים ברית און געוועהן פארטיפט און זיין הייליגע עבודה און מיט געהאלטן די ברית מיט א מורא'דיגע התלהבות און א ווינקל. די פרעזידענט פון די שוהל האט זיך צוגעקוקט וויאזוי די הייליגע רבי שטייט און ענפערט די אמן מיט א דערהויבנקייט און מאכט די הייליגע תנועות מיט די הענט און פארשטייט זיך אליינס אז ער איז זייער נתפעל געווארן פון די הייליגע עבודה איז ער צו געגאנגען נאכן ברית און געגעבן שלום פאר'ן רבי'ן און זיך אינטערסירט ווער ער איז און אויב אלעס איז מסודר ביי אים.

האט אים די הייליגע רבי געענפערט אז ער דארף האבן א דירה ווי צו וואוינען האט די פרעזידענט געענפערט אינגערמאן איר דארפט זיך נישט זארגן פון היינט און ווייטער איך האב א בנין אויף די דשינמענס גאס וואס דארט איז דא צומער'ן ווי די וועסט קענען וואוינען מיט א רואיגקייט און קענען אנגיין ווייטער מיט דיין עבודת הקודש.

און ווי מיר ווייסן אז די איבריגע איז היסטאריע ווי מען זאגט אז און אט די הייליגע הויז איז געגרינדערט געווארן אונזער הייליגע קהילה ווי מיר זענען אויפגעוואקסן און ווי מיר וואקסן אויף אויפ'ן הייליג'ן דרך המסורה לנו פון רביה"ק זי"ע.

דער הייליגע באשעפער זאל העלפן אז ער זאל זיין א מליץ יושר פאר זיין חשובע משפחה ההולכים בדרכיו צו קענען אנגיין מיט די עבודת הקודש געזונטערהייט ביז מיר וועלן זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו ומלכינו בראשינו בב"א.

א גוט שבת!

**פאלגענד איז די זמנים און די אדרעסן פון די חשובע מלמדים צו ברענגען די משלוח מנות**

## הרב משה מרדכי שטיינבערגער שליט"א
און זיין שטוב
11Wiener Drive #301
ביום הפורים פון 1:00 ביז 3:30
שושן פורים פון 2:00 ביז 3:00
ביטע נישט ברענגען און תענית אסתר
אנדערע זמנים שפירט אייך באקוועם צו רופן אויף 845 376 4195

## הרב שמואל פישער שליט"א
און בנין התלמוד תורה
415 Viola Road
ביום הפורים פון 3:00 ביז 4:30
אויב עס ווער צו קומען קען מען ברענגען און חדר תענית אסתר
אנדערע זמנים שפירט אייך באקוועם צו רופן אויף 914 705 1190

## הרב חיים ראטטענשטיין שליט"א
און זיין שטוב237
Saddle River Road
ביום הפורים פון 1:15 ביז 3:15
אויב עס ווער צו קומען קען מען ברענגען און חדר תענית אסתר
אנדערע זמנים שפירט אייך באקוועם צו רופן אויף 845 262 9855

## הרב אפרים יואל פיש שליט"א
זונטאג פרשת כי תשא און חדר
די אנדערע צייט׳ן וועט די מלמד ווילן און קריתינו הקדושה

## הרב אברהם יצחק קאהן שליט"א
## הרב יואל הערש זאבעל שליט"א
זונטאג פרשת כי תשא און חדר

## הרב שלמה גרינבוים שליט"א מנכ"ל
און זיין שטוב
15 Herrick Ave #111
ביום הפורים פון 11:30 ביז 12:30
אנדערע זמנים שפירט אייך באקוועם צו רופן אויף 347 563 0656

# • התודה והברכה •
הגליון בשבוע זו נתנדב ע"י
## מו"ה יצחק כ"ץ הי"ו
מחשובי הורי מוסדותינו הקדושים
**לזכות בנו הילד החשוב משה אורי' הכהן נ"י-כתה א'**
ובזכות הבל פיהם של תינוקת של בית רבן ימלא
הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

# א גריס

## פון די לעכטיגע קינדערלעך פון קינדערגארטן



ליהודים היתה אורה

די לעכטיגע קינדערלעך פארשטעלט לכבוד פורים



### ברוכים הבאים

פאר די חשובע יונגל וואס איז אריינגעקומען אין אונזער תלמוד תורה

הילד החשוב יוקל טייטלבוים נ״י- נודסעדי

### זמנים פון די קומענדיגע טעג

תענית אסתר וועט מען אהיים גיין 12:00 אלע כתות די רוט וועט זיין אזוי ווי פרייטאג

-די קינדער קענען קומען פארשטעלט-

דאנערשטאג צופרי וועלן אלע כיתות קומען צוזאמען די באס וועט ארויספארן פון די ערשטע סטאפ 11:15 די רוט וועט זיין אזוי ווי פרייטאג